# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר• בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת שמות | כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק

## מילי דחסידותא

**ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה:** הנה ר"ת מן ש'מות ב'ני י'שראל ה'באים מ'צרימה הוא השבים, וסופי תיבות תהלי"ם, כי תהלים הוא תיקון גדול לתשובה, ובפרט בימי השובבי"ם, ואמרו משמו של הרה"ק מוהר"ר מרדכי מטשערנאבל זלה"ה שסגולה לתשובה להתענות בערב שב"ק, ובשבת קודש יאמר תהלים וטוב לתיקון החטא (דברי יחזקאל)

## דרש דרש

**ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב איש וביתו באו:** זאגט רש"י אעפ"י שמנאן בחייהן בשמותם חזר ומנאן במיתתן, להודיע חבתן שנמשלו לכוכבים שמוציאן ומכניסן במספר ובשמותם, שנאמר המוציא במספר צבאם לכולם בשם יקרא, לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס די צדיקים זענען צוגעגליכן דוקא צו די שטערנס.

ענטפערט כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל לויט די ווערטער פונעם מדרש (פ' ויקרא) אז די גוים האלטן אז די אידן דארפן בטל ווערן ברוב אומות, אבער באמת איז די הלכה אז כל קבוע כמחצה על מחצה דמי, און אידן זענען א דבר קבוע, ממילא ווערט מען נישט בטל פאר די גוים. אויף דעם איז אבער שווער, אז בשעת אידן זענען אין גלות זענען זיי דאך ניידי ממקומם, און זיי זענען נישט קיין קבוע, פארוואס ווערן זיי נישט בטל ברוב?

נאר די גמרא זאגט אז נאר אידישע קינדער וועלן אויפשטיין צו תחיית המתים ווען משיח וועט קומען, און די גוים וועלן בלייבן טויט. קומט דאך אויס אז ווען מ'רעכענט כלל ישראל פון אלע דורות צוזאמען זענען זיי זיכער רוב, משא"כ ביי די גוים קען מען נישט רעכענען נאר די וואס לעבן יעצט. קומט אויס אז אידישע קינדער ווערן נישט בטל מכח תחיה"מ.

דאס קען זיין דער ענין אז אידישע קינדער ווערן צוגעגליכן צו די כוכבים, ווייל די שטערנס זעהט מען נאר ביינאכט, און יעדער ווייסט בייטאג אז כאטש מ'זעהט נישט די שטרענס זענען זיי אבער דא און ביינאכט וועלן זיי צוריק קומען, זיי זענען נאר באהאלטן געווארן אויף א קורצע צייט.

דאס זאגט דער פסוק **ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה**, לכאורה אז זענען געקומען קיין מצרים אין גלות זענען זיי דאך ניידי ממקומם, און זיי קענען בטל ווערן ברוב צווישן די מצריים, אויף דעם זאגט דער פסוק את יעקב איש וביתו באו ראובן ושמעון וגו', זאגט רש"י אעפ"י שמנאן בחייהן חזר ומנאן במיתתן, דאס קומט מרמז זיין אז אלע אידן וועלן אויפשטיין תחיית המתים, ממילא קענען מען זיי אויך רעכענען צוזאמען מיט אונז, און מ'ווערט נישט בטל ברוב, איי מיר זעהן דאך נישט די אלע צדיקים מיט אונזערע אויגן, ווייסן מיר אבער אז די צדיקים זענען **נמשלו לכוכבים**, וואס קומען שטענדיג צוריק, און דאס איז די ראי' צו תחיית המתים.

## מַעֲשֶׂה רב

### ואלה שמות בני ישראל

עס איז באקאנט וואס דער **בעל הטורים** שרייבט אז אין דעם פסוק איז מרומז דעם חיוב פון מעביר סדרה זיין: **ואלה שמות** איז ראשי תיבות ו'חייב א'דם ל'עבור ה'סדרה ש'נים מ'קרא ו'א' ת'רגום.

אין שו"ע ווערט געברענגט דער חיוב צו מעביר סדרה זיין איידער די סעודה שבת אינדערפרי.

ווי ווייט מען דארף נזהר זיין מעביר סדרה זיין פאר די סעודה שבת אינדערפרי קען מען זעהן פון די פאלגענדע מעשה וואס האט פאסירט שב"ק פר' ראה תשל"ט לפ"ק דעם לעצטן שב"ק וואס דער **רבי בעל דבר"י** זי"ע איז געווען אויף די וועלט.

דעם לעצטן שבת אינדערפרי איז דער רבי בעל דברי יואל זי"ע געזעסן און ער האט מעביר סדרה געווען, ווען דער משב"ק הרה"ח ר' עזריאל גליק שליט"א האט געהערט דעם רבי'נס שטימע האט ער באמערקט אז דער אטעם איז נישט אין ארדענונג, וואס דאס האט געצייגט אז דער רבי האט ל"ע וואסער אין די לונגען, האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז דער רבי טאר נישט צופיל רעדן ווייל עס איז א סכנה, און דער רבי זאל בשום אופן נישט מעביר סדרה זיין, דער רבי האט איינגעשטימט.

שפעטער ווען דער רבי איז אהיימגעקומען פון בית המדרש נאכן דאווענען איז ער שוין געווען זייער שוואך, דער רבי האט קידוש געמאכט, און דאן האט ער באפוילן זיך צו געבן דעם חומש, דער רבי האט אויפגעמישט צו "שישי" דארט ווי ער האט געהאלטן ביים מעביר סדרה זיין, און ער האט ווייטער געמיטליך מעביר סדרה געווען.

ווי שוואך דער **רבי** זי"ע איז געווען, האלטענדיג געציילטע שעות פאר די הסתלקות האט ער נישט געוואלט עסן די סעודה פאר ער האט נישט געענדיגט מעביר סדרה זיין. (מס' קרית מלך רב)

**ויקח את בת לוי:** רש"י זאגט אז יוכבד איז אלט געווען ק"ל שנה ווען משה רבינו איז געבוירן געווארן, פרעגט דער **אבן עזרא** אויב אזוי פארוואס דערמאנט נישט דער פסוק דעם מורא'דיגן נס אז יוכבד האט געהאט קינדער ביי די ק"ל שנה, וואס איז א גרעסערער נס ווי שרה וואס האט געהאט ביי די ניינציג יאר א קינד, און דארט דערמאנט דאס די תורה מיט א גאנצע אריכות.

ענטפערט דער **דובנער מגיד** מיט א משל פון צוויי ארימעלייט וואס זענען ארומגעגאנגען איבער די שטעט און זיי האבן גערעדט צווישן זיך, ווער עס איז דער גרעסטער נגיד אין די שטאט. זאגט איינער אז ר' ישעי' איז דער גרעסטער נגיד ווייל ער האט אים געגעבן צוויי רענדלעך, טענה'עט דער צווייטער אז ר' משה איז א גרעסערער נגיד ווייל ער האט איהם געגעבן איין רענדל, הייבט אן דער ערשטער צו לאכן "צוויי איז דאך מער פון איינס", פרעגט אים זיין חבר צוריק "זאג נאר ווען ביסטו געווען ביי ר' ישעי'?", זאגט ער אז ער איז געווען אום פורים. זאגט אים דער צווייטער "פורים איז נישט קיין חידוש אז ער טיילט צוויי רענדלעך, איך בין געווען ביי ר' משה תמוז און דאך האט ער מיר געגעבן א רענדל דאס צייגט אויף זיין ברייטהארציגקייט.

דער נמשל איז אז יוכבד איז געבוירן געווארן אין מצרים, דארט איז געווען א מצב אזוי ווי פורים, ווייל דארט האבן דאך אלע פרויען געהאט ששה בכרס אחד, ממילא איז נישט קיין חידוש אז יוכבד איז געבוירן בת ק"ל, ווייל אין אזא מצב איז גארנישט קיין חידוש. משא"כ ווען שרה האט געבוירן יצחק ביי די ניינציג איז געווען אזוי ווי תמוז, מ'האט דעמאלטס אזוינס נישט געהערט אין די וועלט, ממילא איז די וואונדער געווען זייער גרויס, דעריבער דערמאנט דאס דער פסוק.

## מילי דחידודא

**מעיר מתים ינאקו:** (רש"י קאפיטל ב' פסוק כ"ד) דער חתן סופר זאגט א שיינעם רמז אז מען זאל געדענקען וואו עס מיינט מְתִים - מענטשן, און וואו עס מיינט מֵתִים - טויטע, ווייל מְתִים קומט מיט א שְׁוָא, צוויי פינטלען איינס העכערן צווייטן, ווייל לעבעדיגע מענטשן זוכן אלס צו זיין גרעסער איינער פון צווייטן, מֵתִים קומט מיט א צירי וואס האט צוויי ליגענדיגע פינטעלעך, ווייל טויטע מענטשן זענען גלייך איינער מיטן צווייטן.

## ויואל משה

**דער רבי בעל דברי יואל זי"ע האט אמאל דערציילט אז אלס קינד איז ער געזעסן ביים טאטנ'ס טיש חוה"מ סוכות ביי אושפיזא דמשה, ווי ס'איז געווען דער מנהג האט מען געשטעלט ווייזן אויפן טיש פאר יעדן וואס האט געהייסן אזוי ווי די 'אושפיזא'. האט דער טאטע געפרעגט דעם רבי'ן "יואלי'ש, פארוואס שטעלסטו נישט ווייזן, ס'שטייט דאך אין פסוק "ויואל משה" זעסט דאך אז יואל האט שייכות מיט משה"...**

**האט דער רבי צוגעלייגט "זעהט אויס אז דער טאטע האט שוין מרגיש געווען אז איך וועל מאכן דעם ספר "ויואל משה"...**

*

## מילי דשמעתתא!

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק שני

*

**בזו בזו ובזו אינה מקודשת:**

עם שטייט אין פרשת תולדות ווען עשו איז אהיימגעקומען פון פעלד, און יעקב האט געוואלט אפקויפן פון אים די בכורה, האט עשו געזאגט הלעיטנו נא מן האדם האדם הזה.

זאגט דער **פנים יפות** אז עשו האט געוואלט אז יעקב זאל אים געבן צו עסן פון די לינזן און דאך זאל נישט חל זיין דער קנין, וועגן דעם האט עשו געזאגט הלעיטנ"י נ"א מן **האדו"ם האדו"ם** הזה, אז עס זאל זיין אזוי ווי ער זאגט **בזו ובזו**, און ווען ער וועט דאס אויפעסן וועט דאס דאך ווערן א מלוה, און פונקט ווי המקדש במלוה אינה מקודשת קען מען דאך נישט קונה זיין מיט א מלוה, ממילא וועט די בכורה נישט ווערן אפגעקויפט.

אבער יעקב אבינו האט געכאפט זיין תחבולה, איז ער געגאנגען און ער האט אריינגעגאסן אין עשו די גאנצע עסן אויפאמאל, אזוי ווי עס שטייט ויעקב נתן לעשו, ממילא איז דאס נישט אזוי ווי **בזו ובזו**, איז דאך דאס נישט געווען קיין מלוה, דעריבער האט יא חל געווען דער קנין פון די בכורה.

## יגעת ומצאת!

די וואך לערנען מיר די ערשטע מאל איבער משה רבינו, זיין ברודער אהרן הכהן, און זיין שוועסטער מרים.

דעריבער וועלן מיר די וואך באשטימען דעם סדר פון "יגעת ומצאת" איבער די הייליגע משפחה, און זייערע נעמען, יחוס וואס ס'שטייט אין חז"ל

**וויפיל נעמען האט משה רבינו געהאט? וואס זענען זיי? פארוואס האט ער געהאט די נעמען? וויפיל נעמען האט מרים געהאט? פארוואס? ווער איז געווען איר מאן? וויפיל נעמען האט ער געהאט? ווער נאך איז געווען זיין פרוי? ווער זענען געווען די ברודער פון משה רבינו? פון איין מאמע?**

*

## ראשי תיבות

**ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ט')....**

**טוטו"ד, טו"מ, טו"ת, ט"ק, ט"ס, טושו"ע, טו"ז, ט"ב,**